דאָס איז אָבער נאָר בנוגע פּרטים, און נאָר געוויסע פּרטים.

און אַזוי ווי אין דעם ענין פון תפלה, איז דאָך ידוע אַז די פאַרשידענע נוסחאות התפלה נעמען זיך דערפון וואָס „י״ג השתחויות היו במקדש נגד י״ג שעריו שנרמזו לעתיד אי״ה״ — די צוועלף שערים פאַר די י״ב שבטים „שער ראובן וגו׳״ און דער דרייצנטער שער איז דער „שער הכולל״ פאַר אַלע שבטים, דער נוסח התפלה וואָס איז פאַר אַלע אידן גלייך. און הגם אַז ס׳איז פאַראַן אַ מעלה אין די שערים הפרטים פאַר יעדן שבט באַזונדער און אין דער צייט ווען ס׳איז געווען באַוואוסט צו אַלעמען צו וועלכן שבט וועלכער יעדער איד באַלאַנגט איז געווען בעסער אַז יעדערער זאָל אַריינגיין דורך זיין שער... אָבער בזמן הזה ווען מ׳ווייסט ניט די שבטים (איז בעסער אַז אַפילו די וואָס ווייסן יאָ זייער שבט ווי כהנים ולווים) זאָלן אַריינגיין דורך דעם שער הכולל — וואָס דאָס איז דער נוסח וואָס דער אריז״ל האָט מתקן געווען [3].

על דרך זה איז אויך אין תורה, סיי גליא דתורה, סיי פנימיות התורה — צוליב דעם וואָס מען ווייסט ניט צו וועלכן שורש מען איז שייך — דאַרף מען גיין דורך דעם שער הכללי.

דעם אַלטן רבי׳ן האָט מען אויסגעקליבן [4] און ער האָט מחבר געווען דעם שו״ע, מברר זיין די הלכות אין גליא דתורה; מייסד געווען תורת חסידות חב״ד, אין פנימיות התורה ודרכי העבודה; און מברר געווען דעם נוסח התפלה, אַ נוסח כללי צוגעפּאַסט פאַר יעדער אידן [5] — וואָס די אַלע דריי ענינים זיינען צוגעפּאַסט פאַר אַלע אידן און פאַר יעדער אידן — און דורך זיי קען באַ יעדערן דורכגיין אַלע העלאות (בתפלה) און אַלע המשכות (אין תורה און דורך תורה).

ויהי רצון, אַז מען זאָל גיין אין דעם דרך הסלולה וועלכן מען האָט פאַר אונז אויסגעטראָטן, און מען זאָל עס מפיץ זיין צו אַלע אידן (אויך עניני השולחן ערוך און נוסח התפלה גייען אַריין אין הפצת המעיינות), און מיר האָבן די הבטחה, אַז דורך הפצת המעיינות חוצה וועט זיין דער קא אתי מר, דא מלכא משיחא, בקרוב ממש.

(משיחת ש״פ נצו״י תשמ״ו)

3) לקו״א להה״מ ממעזריטש (בהוצאת קה״ת סקל״ג) הובא בהקדמת שער הכולל.

4) ראה הקדמת בניו להשו״ע.

5) ראה בבית רבי ח״א, פ״י: כשסדר סידורו היו לפניו ששים סידורים מנוסחאות שונות וקיבץ סולת נקי מכלם.

# יום הכיפורים

**א.** אין גמרא [1] איז דאָ אַ פּלוגתא וועגן דער כפרת עוונות פון יו״כ: די רבנן זאָגן: „יוה״כ אין מכפר אלא על השבים״ (יום כיפור איז מכפר נאָר אויף די וואָס טוען תשובה) און רבי זאָגט: בין עשה תשובה בין לא עשה תשובה יוה״כ מכפר״ (סיי ער האָט געטאָן תשובה און סיי ער האָט ניט

1) שבועות יג, א וש״נ.

געטאָן תשובה איז יו"כ אויף אים מכפר), ווייל „עיצומו של יום (דער עצם טאָג איז) מכפר". דער דין [2] איז ווי די רבנן.

דער ביאור אין דער פלוגתא איז ניט אַז די רבנן האַלטן אַז „עיצומו של יום" איז ניט מכפר און נאָר תשובה איז מכפר. אויך לויט די רבנן איז „עיצומו של יום מכפר" [3], ד.ה. אַז דער מענטש אַליין קען מיט זיין תשובה ניט צוקומען צו אַט־דער כפרה וואָס עס גיט דער „עיצומו של יום". די פלוגתא צווישן רבי און רבנן איז: ווי אַזוי קען מען צוקומען צו דער כפרה פון „עיצומו של יום". רבי האַלט, אַז ווי נאָר עס קומט דער טאָג פון יום כיפור איז שוין מאיר דער „עיצומו של יום" — אפילו ווען אַ איד טוט ניט קיין תשובה — און דער „עיצומו של יום" אַליין איז מכפר אויף זיינע עבירות; און די רבנן האַלטן [4], אַז בכדי צו קענען צוקומען צו דער כפרה פון „עיצומו של יום", דאַרף זיין עבודת התשובה, און דאַן, האָט מען אויך די כפרה פון „עיצומו של יום", וואָס איז פיל העכער און גרעסער ווי די כפרה וועלכע מען האָט דורך תשובה אַליין. אָבער הכל מודים אַז „עיצומו של יום מכפר"[4*].

דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין [5] וואָס די גמרא זאָגט אויפן פסוק דרשו הוי' בהמצאו — „אלו עשרה ימים שבין ר"ה ליוה"כ", וואָס פון דער גמרא איז פאַרשטאַנדיק, אַז כאָטש אויך די טעג פון ראש השנה און יום כיפור גייען אַריין אין די עשרת ימי תשובה („אלו עשרה ימים"), באַשטייט אָבער ניט זייער עיקר ענין אין דעם וואָס זיי זיינען ימי תשובה („שבין ר"ה ליוה"כ"): דאָס וואָס זיי גייען אַריין אין די עשרת ימי תשובה איז אַ נידעריקערע דרגא פון ראש השנה און יום כיפור; און זייער אייגענער ענין איז העכער דערפון: דער עיקר פון ר"ה איז — „תמליכוני עליכם", און דער עיקר פון יום כיפור איז — „עיצומו של יום מכפר", די כפרה פון דעם טאָג, וועלכע מען גיט מלמעלה צו יעדער אידן, וואָס זי איז ניט אויסגעמאָסטן לויט זיין עבודת התשובה.

ב. כפרה מיינט ניט בלויז אַז דער מענטש ווערט ניט באַשטראָפט פאַר זיין חטא, נאָר אויך אַז עס ווערט אָפּגעווישט [6] פון זיין נפש דער פלעק און פגם וואָס איז געוואָרן דורכן באַגאַנגענעם חטא; און נאָך מערער: תכלית הכפרה איז — אַז ניט בלויז וואָס עס בלייבט ניט איבער קיין רושם פון די עבירות, נאָר ביז אַז די זדונות אַליין ווערן איבערגעקערט און פאַררעכנט ווי זכיות [7].

דאַרף מען פאַרשטיין: ווען אַ איד טוט תשובה און ער האָט חרטה אויפן חטא וואָס ער האָט געטאָן, רייסט ער דערמיט אַרויס דעם געשמאַק וואָס ער האָט געהאַט ביים טאָן די עבירה [8] און דורך דעם ווערט פון אים אָפּגערייניקט

2) רמב"ם הל' תשובה פ"א, ה"ג. הל' שגגות פ"ג, ה"י. הובא בשו"ע אדה"ז סתר"ז, סס"ז.

3) וכמ"ש הרמב"ם שם ה"ג וד' „ועצמו של יום הכפורים מכפר" — אף שפסק כרבנן.

4) וצ"ע בדרמ"צ מצות עגלה ערופה.

4*) ראה לקו"ש חכ"ז ע' 125 ואילך, בביאור פלוגתת רבי ורבנן.

5) ראה בארוכה לעיל ע' 1144 ובהנסמן שם.

6) אגה"ת פ"א.

7) יומא פו, ב.

8) נפש הקליפה. ועי' הודוי דברים — גוף הקליפה (דרמ"צ לח, ב).

און אָפּגעווישט דער רע (און ווייל זיינע פריערדיקע עבירות האָבן אים צוגעבראַכט צו באַקומען אַ גרעסערן צמאון צום אויבערשטן, ווערן זיי דער־פאַר פאַררעכנט פאַר זכיות)[9]. ווי אַזוי ווערט אָבער אָפּגעווישט און אָפּגעריייניקט דער רע פון דעם מענטשן דורך „עיצומו של יום", אָן זיין תשובה טאָן? מען קען פאַרשטיין, אַז „עיצומו של יום" זאָל זיין אַ כפרה אַז מען זאָל אים ניט מעניש זיין, ווייל יום כיפור נעמט אַראָפּ דעם עונש אויף עבירות, ווי אַזוי אָבער און מיט וואָס ווערן אַראָפּגענומען די פגמים פון נפש האדם (ווי געזאָגט, איז דאָך אויך לויט די רבנן וועלכע האַלטן אַז עס פאָדערט זיך תשובה, איז די כפרה פון יום כיפור גרעסער פון דער פעולת התשובה וואָס דער מענטש האָט געטאָן, און בפרט לדעת רבי, אַז יום כיפור איז מכפר אויך אָן תשובה)?

דער ביאור אין דעם:

אין דעם פאַרבונד פון אַ אידן מיטן אויבערשטן זיינען דאָ כמה מדריגות: א) דער פאַרבונד מיט דעם אויבערשטן דורך דעם וואָס דער איד איז מקיים דעם אויבערשטנס מצוות און ער טראָגט אויף זיך דעם עול מלכות שמים, אַז ער איז גרייט צו אויספאָלגן אַלץ וואָס דער אויבערשטער הייסט. ב) דער אינעווייניקסטער פאַרבונד פון אַ אידן מיטן אויבערשטן וואָס איז העכער און טיפער פון דעם פאַרבונד דורך קיום המצוות און קבלת עול מלכות שמים, און אַט־דער פנימיות'־דיקער פאַרבונד דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס אויך דאַן, ווען ער האָט עובר געווען אויף דעם אויבערשטנס ציווי און פון זיך אַראָפּגענומען דעם אויבערשטנס יאָך — עגבערט עס אים, עס פאַרדריסט אים, און ער טוט תשובה אויף דעם; און מצד דעם טאַקע, וואָס תשובה קומט פון אַט־דעם פאַרבונד וואָס איז טיפער בנפש ווי די התקשרות דורך קיום המצוות, האָט תשובה בכח צו צעברעכן און אַראָפּצונעמען די פגמים בנפש וואָס האָבן זיך געשאַפן דורך עבירות וועלכע האָבן אָפּגעשוואַכט זיין גלוי'דיקן פאַרבונד[10]. אָבער פונדעסטוועגן איז אויך דער פנימיות'דיקער פאַרבונד אַ באַגרע־נעצטער, וואָס קען זיך אויסמעסטן אין דער תנועה פון תשובה. ג) די עצ־מיות'דיקע התקשרות פון עצם הנשמה מיט עצמותו יתברך. אַט דער פאַרבונד האָט ניט אויף זיך קיינע מדידות והגבלות און איז העכער פון צו קענען זיך אויסדריקן אין וועלכער עס איז תנועה, אפילו ניט אין דער תנועה פון תשובה. און די התקשרות קען ניט ווערן אויפגעטאָן דורך פעולות און עבודות — ווייל אַלע פעולות פון מענטשן, ווי הויך זיי זאָלן זיין, האָבן זיי דאָך אַלץ עפּעס אַ מדידה — נאָר דאָס איז פאַראַן ביי יעדער אידן בטבע, מצד זיין עצם הנשמה, וואָס איז אַ „חלק אלקה ממעל ממש", און אויך איצט (בגוף) איז זי „חבוקה ודבוקה בך, יחידה לייחדך".

וויבאַלד אַז די התקשרות איז העכער פון אַלע מדידות און ציורים, איז פונקט ווי זי קען ניט געשאַפן ווערן דורך עבודה, אַזוי קען מען זי אויך ניט שוואַכער מאַכן אָדער פוגם זיין אין איר דורך העדר העבודה אָדער

---

9) תניא פ"ז.

10) וגם למעלה — התשובה מגעת בבחי' שלמעלה מרצון דמצות, כמבואר בלקו"ת אחרי כו, ג. דרמ"צ מצות וידוי ותשובה. ובכ"מ.

דורך עבירות. אין דער מדריגה פון התקשרות דערגרייכן ניט קיינע פגמים און חטאים. און דערפאַר איז „עיצומו של יום מכפר", וויל יום כיפור ווערט נתגלה ביי יעדער אידן דער עצמית'דיקער פאַרבונד פון זיין עצם הנשמה מיט דעם אויבערשטן, און בשעת עס ווערט נתגלה די מדריגה, פאַלן במילא אָפּ אַלע פגמים (די פלוגתא פון רבי ורבנן איז נאָר, צי עס פאַדערט זיך תשובה בכדי עס זאָל נתגלה ווערן די מדריגה. אַלע זיינען אָבער מודה, אַז די כפרה פון יום כיפור ווערט ניט אויפגעטאָן דורך תשובה, נאָר „עיצומו של יום" איז מכפר פון זיך אַליין).

אין יענע מדריגות וואו די חטאים האָבן דערלאַנגט און פוגם געווען[11]), דאַרט דאַרף מען אויפטאָן אַ כפרה, און דאָס קומט דורך תשובה, וואָס שאַפט ביי דעם מענטשן, און דורך דעם אויך למעלה, אַ טיפערן פאַרבונד צווישן אים מיטן אויבערשטן, וואָס צעברעכט און נעמט אַראָפּ אַלץ וואָס שטערט צו דער התקשרות. אָבער די כפרה פון יום כיפור ווערט דורך דעם וואָס עס איז מאיר אַזאַ דרגא וואו ס'איז מלכתחילה ניטאָ קיין פגם, כנ"ל[12]).

ג. לויט דעם קומט אויס אַז דער אָנהויבס פון די עשי"ת — ר"ה, און דער סיום וחותם פון עשי"ת — יו"כ, גלייכן זיך אויס דערמיט וואָס אין ביידן אין פאַראַן זייער ענין העצמי, וואָס איז העכער פון בחינת התשובה וואָס אין זיי — די התקשרות פון עצם הנשמה מיטן אויבערשטן. ראש השנה קומט עס אַרויס בגילוי אין דעם ענין פון „תמליכוני" און „יבחר לנו", און יום כיפור — אין „עיצומו של יום מכפר"[13]).

און פונקט ווי אין ראש השנה, איז אויסער דעם ענין העצמי פון ר"ה — „תמליכוני", התקשרות פון עצם הנשמה — איז אין עם אויך פאַראַן דער ענין התשובה (וואָס דעריבער גייט ראש השנה אַריין אין חשבון פון עשרת ימי תשובה) און ענין המצוה (שופר), אַזוי זיינען אויך אין יו"כ פאַראַן די אַלע דריי ענינים[*13]: עצם הנשמה — „עיצומו של יום מכפר", תשובה פון יום כיפור (וואָס דערפאַר איז יום כיפור פון די עשי"ת) און מצוה דיו"כ, די מצות התענית וכו'.

---

11) ראה לעיל ע' 1097 הערה 31 דמזה שע"י תשובה על עבירות מגיע למעלה ממקום צ"ג משמע שגם הפגם מגיע למעלה ממקום צ"ג.

12) וב' בחינות אלו תשובה ויו"כ הם בדוגמת החילוק שבין מענה התורה יביא אשם ויתכפר לו למענה הקב"ה יעשה תשובה כו' (ראה גם מכתב ח תשרי תשי"ב, נדפס להלן ע' 1359) — דאף שגם מענה התורה יביא אשם — הו"ע התשובה, דאז דוקא מכפר הקרבן, מ"מ ע"י התשובה דבחי' זו נעשים הזדונות רק כשגגות (ואז מהני הקרבן שע"י הקרבן מתכפר שוגג זה (ראה ד"ה וכל אדם להצ"צ ספ"ד — אוה"ת יוהכ"פ ע' א'תקנז ואילך)), אבל אינו מתכפר לגמרי, (כי התשובה שע"י התורה שייכת לבחי' הרצון דתורה אלא שהיא „בעומק הרצון": „בבעל הרצון" (ראה לעיל ע' 1145 הערה 8), דלהיות שהתורה היא בקו האמצעי מתגלה על ידה בחי' שלמעלה מהשתל', אבל מ"מ השייך להשתל') ולכן יש בה מדידה כו', משא"כ התשובה דמענה הקב"ה שלמעלה מהתורה, היא מבחי' תענוג עצמי שלמעלה מהרצון לגמרי, דוגמת הכפרה דיו"כ, ולכן אין בה שום מדידות, ומכפרת גם על הזדונות, ועד שהזדונות נעשים כזכיות.

13) וכנוסח הברכה בתפלת יו"כ „מלך מוחל וסולח", שהמחילה וסליחה דיו"כ באה מהבחינה ד„מלך" — „תמליכוני" — שבר"ה.

*13) וראה לקו"ש חי"ט ע' 350 ואילך גם לענין סוכות.

און אויך די מצות התשובה והוידוי[14]).

ד. אין נאָך אַ זאַך גלייכן זיך אויס יו״כ און ר״ה:

פונקט ווי ראש השנה קומט צום אויסדרוק דורך די מצוה פון ר״ה, וואָס מצות היום בשופר, אויך בחינת התשובה און בחינת „תמליכוני״[14*]), כאָטש זיי זיינען פיל העכער פון דער מצוה — אַזוי איז אויך ביי יום כיפור: דער גילוי פון עצם הנשמה דורך „עיצומו של יום״ דריקט זיך אויס אין די מצוות פון יום כיפור: עינוי[15]), ניט טאָן מלאכה און מקרא קודש.

אף על פי כן זאָגט די גמרא[1]), אַז אויך רבי, וואָס ער האַלט אַז „עיצומו של יום״ איז מכפר אפילו אָן תשובה, איז ער אָבער מודה אַז אויף די עבירות פון יו״כ גופא איז ער ניט מכפר: אויב ער האָט ניט געפאַסט יום כיפור וכו׳ איז אויף דעם דער „עיצומו של יום״ ניט מכפר, ווייל עיצומו של יום[15]) מאַכט דעם ניט פאַסטן פאַר אַן עבירה איז ניט שייך אַז ער גופא זאָל אויף דעם מכפר זיין[16]).

ה. ענין הנ״ל געפינען מיר אויך אין דער עבודה פון כה״ג אין יו״כ:

מעיקרי העבודה פון כה״ג אין דעם טאָג איז געווען זיין אַריינגיין אין קדש הקדשים. וואָס וועגן דער כניסה שטייט אין פסוק[17]) „וכל אדם לא יהי׳ באוהל מועד״, זאָגט אויף דעם דער ירושלמי[18]) „אפילו אותן שכתב בהן ודמות פניהם פני אדם״, אפילו ביי די וועלכע עס שטייט „ופניהם פני אדם״ — וואָס דאָס שטייט דאָך באַ חיות הקודש, מלאכים היותר נעלים[19]), אויך זיי האָבן זיך דאַן ניט געקענט געפינען אין קדש הקדשים. דאָס הייסט, אַז די עבודה פון יום כיפור האָט מגלה געווען די פאַראייניקונג פון אידן (וואָס דער כה״ג איז דאָך געווען דער שליח פון כלל ישראל) מיטן אויבערשטן, „ישראל ומלכא בלחודוהי״ — נאָר דער אויבערשטער מיט אידן אַליין.

נאָך מערער: דער אַריינגיין פון כה״ג אין קדש הקדשים איז דאָך געווען אויך אין בית שני, וואָס דאַן איז שוין דער ארון דאָרט ניט געווען. איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק אַז דאָס איז אַ כניסה אין אַזאַ אָרט און דרגא וואָס איז נאָך העכער פון תורה (אפילו ווי תורה שטייט אין אותיות החקיקה — לוחות)[20]). דער חילוק פון תשובה שע״י התורה ביז תשובה של־מעלה מהתורה איז[21]), אַז תשובה שעל ידי התורה איז בחינת גילוי לבד —

14) ראה רמב״ם הל׳ תשובה פ״ב, ה״ז: חייבים הכל לעשות תשובה ולהתודות ביוה״כ. — וענין זה, כתב הרמב״ם בהל׳ תשובה ולא בהל׳ שביתת עשור (אף שהוא מדיני יו״כ) כי הוא למעלה מענין המצות — דוגמת התשובה (שנרמז בשופר), שכתבה בהל׳ תשובה ולא בהל׳ שופר.

14*) ראה מכתב הכללי לר״ה תשכ״ד (נדפס להלן בהוספות ע׳ 1354).

15) ראה ד״ה והוא כחתן תרנ״ז פי״ז שהעינוי דיו״כ מגיע למעלה מבחי׳ התשובה.

16) בדוגמת אין קטיגור נעשה סניגור. ראה צפנת פענח לרמב״ם הל׳ יבום פ״ד, ה״כ. ולכאורה צ״ע מהא דאחטא ואשוב אין מספיקין דייקא, אבל אם דחק כו׳ מקבלין תשובתו (אגה״ת פי״א). וי״ל דתשובה דדחק היא נעלית יותר. ואכ״מ.

17) ויקרא טז, יז.

18) יומא פ״א, ה״ה. וראה זח״ג סו, ב (וח״א רח, ב) ובד״ה וכל אדם הנ״ל בסופו.

19) רמב״ם הל׳ יסוה״ת פ״ב, ה״ז. אבל ראה זח״ב מג, א. וראה תניא רפל״ט (ומציין שם לרע״מ — (כנראה זח״ג רכה, א) — ולע״ח (כנראה ש״נ פ״ז)).

20) ראה לקו״ש ח״ג ע׳ 1013 ואילך.

21) ראה לעיל הערה 12.

הגם אַז תשובה איז העכער פון תורה, וואָס דעריבער העלפט דאָך תשובה אויך אויף די פגמים פון תרי״ג מצוות התורה (כולל מצות ת״ת), איז זי דאָך בבחינת גילוי, און תשובה שלמעלה מהתורה, איז די פאַראייניקונג מיט עצמות, העכער פון גילוי.

און אַזוי ווי בזמן הבית איז די התקשרות עצמית צווישן נשמות ישׂ־ראל מיט דעם אויבערשטן געוואָרן דורך דער כניסה פון כה״ג אין קדש הקדשים ביום הכיפורים, אַזוי דריקט זיך אויס דער ענין איצטער אין די תפלות פון יום כיפור, וואָרום תפלה איז במקום עבודת הקרבנות:

יום כיפור איז דער איינציקער טאָג פון יאָר ווען מען איז מחויב דאַווענען חמש תפלות. די פינף תפלות זיינען כנגד די פינף מדריגות פון נשמה — נפש רוח נשמה חי׳ יחידה [22]. די פינפטע תפלה, וואָס מען איז מתפלל נאָר יום כיפור, די תפילת נעילה, ווערט אין איר נתגלה בחינת היחידה שבנשמה, ווי זי איז פאַראייניקט מיטן אויבערשטן, וואָס דאָרטן האָבן ניט קיין אָרט קיין זאַך אויסער דער אויבער־שטער מיט אידן. און דאָס איז דער טייטש פון „נעילה" — מען פאַר־שליסט אַלע טויערן, און מען לאָזט אַהין קיינעם ניט אַריין; דאָרט געפינען זיך בלויז אידן מיט עצמותו יתברך.

און הגם אַז בעיקר ווערט אַט־די בחינה אַנטפּלעקט אין תפלת נעילה [23], איז אָבער בכללות [24] די בחי׳ פאַראַן אויך דעם גאַנצן טאָג פון יום כיפור. ווי דער לשון איז: „יום שנתחייב בחמש תפלות", אַז דער טאָג, אַלס גאַנצער, איז מחויב אין חמש תפלות. דאָס מיינט, אַז כאָטש יעדער זמן איז מחוייב אין זיין תפלה (ביי נאַכט מעריב, אינדערפרי שחרית א.א.וו.), פונדעסטוועגן איז עס אַ „יום שנתחייב בחמש תפלות" — ווייל בכללות איז עס אַ יום ווען ס׳איז מאיר בחינת „חמש" — בחינת יחידה.

(ממאמר ד״ה וכל אדם ושיחת שמחת ביה״ש תשכ״ג)

22) לקו״ת פנחס פו, ב.

23) ולכן עיקר הכפרה הוא בסוף היום (ראה לקו״ת תצא לס, ד). וראה קונטרס העבודה פ״ה (ע׳ לד) „ובפרט בעתים מיוחדים כמו בתק״ש ובנעילה דיוהכ״פ".

24) עד״ז שביוהכ״פ (שבת שבתון) הוא ג״כ בשבת, שכללותו — (וקראת לשבת) — עונג, אבל רעוא דרעוין הוא בסוף היום (ראה בסי׳ דרושי סעודות שבת).

# האזינו

א. אויפן פסוק „האזינו השמים וא־דברה ותשמע הארץ אמרי פי", זיינען פאַראַן אין ספרי כמה פירושים: אַז משה רבינו האָט געמאַכט עדות, זיי זאָלן מעיד זיין וועגן דער עבודה פון אידן, און בכדי אַז קיינער זאָל ניט קענען אָפּלייקענען, האָט משה רבינו אויסגעקליבן פאַר עדות שמים וארץ, ווייל זיי זיינען קיימים לעולם.

דער לעצטער ענין וואָס דער ספרי זאָגט „משה העיד כו׳" איז ניט נאָר אַ פירוש (וואָס דעריבער שטייט ניט ביי דעם די ווערטער „דבר אחר" אַזוי ווי ביי די פריערדיקע פירושים), נאָר ער איז דער סך־הכל פון די פריערדיקע פירושים: אין די פריער־דיקע פירושים ווערן אויסגעטייטשט די סוגי העבודה, יעדער פירוש רעדט